39

(1)

רשמה שרה זית.

(מקודם – בן-גוריון. י.מ.)

הקונגרס ה-21 בז'נבה

15.8.1939

97

DOC00333

די רעדע פון חבר מ. שרתוק
xxxxxxxxxxxxxxxxxxxx זיצונג פון דער פראקציע
אויף דער [illegible] קונגרעסן פון
דעם 16-טען אויגוסט, 1939. ג'נבה.

איך מיין ניט אז דער ערשטער טייל פון דעם וואס חבר בן-גוריון האט דא געזאגט איז אין דעם טעכנישען זין א פארבערייטונג פאר די דעבאטע אין קונגרעס. איך זאג אין טעכנישען זין, ווייל איך מיין ניט אז אין רעפעלגום פון קונגרעס וועט דאס אונז זיין מעגליך צו דיסקוטירען די זייער דעליקאטע פראגע וואס בן-גוריון האט דא אויפגעשטעלט, מיט דער פרייהייט מיט וועלכער ער האט זיך דא באנוצט. אויב דאס איז געווען א צוגרייטונג – איז דאס געווען א צוגרייטונג פאר די פאליטישע קאמיסיע און ניט פאר דעם קונגרס. און איך פארשטיי, אז די צוגרייטונג איז געמאכט געווארן אונטער דער אנגאפ, דאס מיר געפינען זיך דא ערשטענס אין א פארזאמלונג פון פאראנטווארטליכע חברים, און צווייטענס אין א געשלאסענע, אין א שטרענג געשלאסענע זיצונג. די צוויי פאראויסזעצונגען טרעפען ניט צו אויף א פלענארזיצונג פון דעם קונגרעס. מיר האבען יעצט צו טאן מיט פארשידענע פארטייען, מיט פארשידענע עלעמענטען אין די פארטייען, צו וועלכע מיר קענען זיך ניט באציהען וויא צו פאראנטווארטליכע חברים. די ערפארונג פון דער לעצטער צייט, אי אין א"י און אי אין גלות, האט דאס ליידער בעוויזען.

צווייטענס – מיר ריידען אין דעם קונגרעס פאר דער בריטישער עפענטליכקייט, פאר דער פרעסע, און דאס וועט מוזן ארויפלייגען xxxxxxxxx זייער שטרענגע בעשרענקונגען אויף אונזער אויסדרוקספרייהייט. אבער די פראגען, וואס בן-גוריון האט דא אויפגעשטעלט אין דעם ערשטען טייל פון זיין רעדע – שטייען פאר אונז, כאטש איך בין ניט מסכים אז זיי שטייען פאר אונז אין אזא שארפען .עגענזאץ, אונטער דער באשוועדיגקייט פון אזא שארפער וואל צווישען צוויי אלטערנאטיבען, ווי בן-גוריון האט עס דא אויפגעשטעלט. איך מיין אז די מחלוקת איז ניט צי עס קען זיין א צושטנד, אין וועלכען עס קען פאר אונז ווערן אונפארמיידליך זיך צו בענוצען מיט א בוואפענטער קראפט, אדער אז עס טאר ניט זיין אזא צושטנד, אז אין קיין שום פאל טארן מיר ניט זיך בענוצען מיט א בעוואפענטער מאכט. ניט אזוי שטעט די פראגע. פראקטיש מיין איך אז די פראגע שטייט צי מיר זאלן זוכען א געלעגענהייט, אדער ניט זוכען. אפשר איז די מאכט א איבערטרייבונג. אדער צו מיר זאלן זעהען אין א מעגליכקייט פון א בעוואפנטען צוזאמענשטויס א שאנס צום דעמאנסטרירן אונזער ווידערשטאנד, אונזער ענטשלאסענקייט, צו בעטראכטען מיר דאס אלס א פאזיטיווע זאך, אדער צו מיר זאלן טאן אלץ כדי דאס צו פארמיידן און ניין אויף דעם וועג נאר אין דעם פאל אין וועלכן דאס וועט פאר אונז אבסולוט אונפארמיידליך ווערן.